זיי געהערן די אבות, און פון זיי איז לויטן פלייש
דער משיח, וואָס איז איבער אַלע, ג־ט זיי
6 געלויבט אויף אייביק. אמן. אָבער דאָס באַטייט
נישט, אַז ג־טס וואָרט איז צונישט געוואָרן.
וואָרום נישט אַלע זענען ישראל, וואָס זענען
7 פון ישראל; אויך נישט, ווייל זיי שטאַמען פון
אברהמען זענען אַלע קינדער, נאָר: אין יצחקן
8 וועט דיר גערופן ווערן זאָמען. (בראשית כא, יב) דאָס
באַטייט, אַז נישט די קינדער פונם פלייש זענען
ג־טס קינדער, נאָר די קינדער פון דער הבטחה
9 ווערן פאַררעכנט ווי זאָמען. וואָרום דאָס איז
דאָס וואָרט פון דער הבטחה: לויט דער דאָזיקער
צייט וועל איך קומען, און צו שׂרהן וועט זיין אַ זון.
10 (בראשית יח, יד) און נישט נאָר דאָס, נאָר רבקה ווען
זי איז מעוברת געוואָרן פון איינעם, יצחק אבינו—
11 איידער זיי זענען נאָך געבוירן געוואָרן און
האָבן נאָך נישט געהאַט געטון עפּעס גוטס אָדער
שלעכטס, כּדי ג־טס צוועק זאָל באַשטיין, לויט
12 זיין אויסדערוויילן, נישט דורך מעשׂים (טובים),
נאָר דורך אים, וואָס רופט—איז איר געזאָגט
געוואָרן: דער גרעסערער וועט דינען דעם קלענערן.
13 (בראשית כה, כג) ווי עס שטייט געשריבן: יעקבן
האָב איך ליב געהאַט, אָבער עשׂוון האָב איך
געהאַסט. (מלאכי א, ב, ג)
14 וואָס זשע זאָלן מיר זאָגן? אַז ביי ג־ט גיבט
15 אומגערעכטיקייט? חס ושלום! וואָרום צו משהן האָט
ער געזאָגט: איך וועל זיין באַרמהערציק צו וועמען
איך בין באַרמהערציק, און וועל מיך דערבאַרמען
אויף וועמען איך דערבאַרם מיך. (שמות לג, יט)
16 אַזוי אַרום איז עס נישט אָפּהענגיק פון דעם, וואָס
וויל און נישט פון דעם, וואָס לויפט, נאָר פון דעם